בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון ס"א

מוסדות היכל הקודש ברסלב

פרשת בהר - ל"ג בעומר
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטָּוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע חִינוּךְ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, בַּיי אַ מְסִיבַּת 'שֶׁבַע בְּרָכוֹת' וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א, לְכָבוֹד דִי מְחוּתָּנִים אוּן דֶער חָתָן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסְדוֹת.**

### דֶער שַׁיְיכוּת פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת' אוּן 'מְלַמְּדוּת'

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן:** מַזָּל טוֹב חָתָן כַּלָּה! מַזָּל טוֹב מְחוּתָּנִים!

מִיר זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען בַּיי אַ חָשׁוּבְ'ע שֶׁבַע בְּרָכוֹת. יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַ שֶׁבַע בְּרָכוֹת, אָבֶּער יֶעצְט הָאט דִי תַּלְמוּד תּוֹרָה אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שֶׁבַע בְּרָכוֹת, לְכָבוֹד דִי חָשׁוּבְ'ע מְחוּתָּנִים אוּן חָתָן וָואס זֶענֶען אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין דִי מוֹסְדוֹת; ר' מָרְדְּכַי - אִיז דֶער מְנַהֵל פוּן אוּנְזֶער חֵדֶר, דֶער חָתָנְ'ס טַאטֶע - אִיז אֵיינֶער פוּן דִי חָשׁוּבְ'ע מְלַמְּדִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, עֶר אִיז אַ מְלַמֵּד מוּמְחֶה אִין כִּתָּה א' ב', עֶר לֶערְנְט אוֹיס דִי קִינְדֶער צוּ קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוֹיךְ דֶער חָתָן - אִיז אַ מְלַמֵּד אִין חֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט, אַזוֹי וִוי מִיר זִיצְן דָא אַלֶע מְלַמְּדִים אִינְאֵיינֶעם, וֶועט מֶען אוֹיךְ אוֹיסְנִיצְן דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ מַאכְן אַ שְׁטִיקְל 'אֲסִיפַת מְלַמְּדִים'. קוֹדֶם וֶועט מֶען רֶעדְן פוּן דִי חָתָן כַּלָּה אוּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶערְנָאךְ וֶועט מֶען רֶעדְן אַבִּיסְל חִיזּוּק פַאר דִי חָשׁוּבְ'ע מְלַמְּדִים, זִיךְ אַבִּיסְל מְחַיֶּה אוּן מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן.

דִי עֶרְשְׁטֶע שַׁיְיכוּת וָואס עֶס אִיז דָא צְוִוישְׁן דֶער נוֹשֵׂא פוּן 'שָׁלוֹם בַּיִת' מִיט 'מְלַמְּדוּת' אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט, וַוייל מִיר קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן אַ מְנַהֵל מִיט מְלַמְּדִים וָואס זָאלְן קוּמֶען מִיט סַבְלָנוּת, מִיט גֶעדוּלְד צוּ דִי קִינְדֶער, נָאר אוֹיבּ דִי וַוייבּ אִיז מְחַזֵּק אוּן מְעוֹדֵד; נָאר אוֹיבּ 'מְלַמְּדוּת אִיז אַרוֹיף גֶעקוּקְט אִין שְׁטוּבּ, קֶען מֶען קוּמֶען צוּ דִי קִינְדֶער מִיט הַארְץ אוּן נְשָׁמָה, קוּמְט אוֹיס אַז דוּרְךְ 'שָׁלוֹם בַּיִת' קֶען מֶען מְחַנֵּךְ זַיין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער.

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן שָׁלוֹם בַּיִת אוּן נָאךְ עִנְיָנִים.**

**דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען:** בָּרוּךְ הַשֵּׁם, אוּנְזֶער חָתָן אִיז אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶער חָתָן, עֶר אִיז גֶעזִיצְן אִין יְשִׁיבָה אַלֶע זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן אוּן גֶעלֶערְנְט [אוֹיף דִי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲתַנִים קֶען מֶען זָאגְן **"עֶר הָאט אוֹיסְגֶענִיצְט דִי יוּנְגֶע יָארְן"**, ווייל עֶר הָאט קוֹים אָנְגֶעפַאנְגֶען זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, אוּן שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג]. וִוי קֶען זַיין אַ שֶׁענֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם אַז דֶער שְׁטְרֶענְגֶער מְנַהֵל פוּן תַּלְמוּד תּוֹרָה, זָאל זִיךְ אוֹיסְוֶועלְן אַ תַּלְמִיד זַיינֶער פַאר אַ חָתָן פַאר זַיין טָאכְטֶער; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שֶׁענֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דֶער חָתָן אִיז אַ מְלַמֵּד דָא בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה.

### אַן אַרְבֶּעט וָואס בְּלַייבְּט

יֶעצְט וֶועלְן מִיר רֶעדְן אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי מְלַמְּדִים, אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וֶוען אִיךְ בִּין פְרִיעֶר אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען דִי טְרֶעפּ צוּ יְשִׁיבָה, בִּין אִיךְ אַרוֹיף גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט מַיין חַבֵר, אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד; גֶעוֶוענְלִיךְ וֶוען מֶען גֵייט אַרוֹיף טְרֶעפּ קוּמְט מֶען זָאל קְרֶעכְצְן... הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ מַיין חַבֵר, דֶער בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, **"יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין מֶענְטְשׁ בָּזֶה הָעוֹלָם וָואס זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען, אָבֶּער ווּאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶס בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער פוּן זַיין מוּטְשֶׁע! ווּאוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס כַאפְּט אַרוֹיס גוּטֶע זַאכְן מִיט זַיין מוּטְשֶׁע!"**

וִוי אִיז דָא אַ בֶּעסֶערֶע זַאךְ פוּן זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

אַוַודַאי אִיז שְׁוֶוער צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער, וַוייל דֶער קִינְד הֶערְט זִיךְ יָא צוּ אוּן דֶער קִינְד הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ, דֶער קִינְד שָׁאקְלְט דִי טִישׁ אוּן דֶער קִינְד מַאכְט שְׁפִּיצְלֶעךְ, עֶס גֵייט אַרִיבֶּער נָאךְ אַ טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג אוּן מֶען שְׁפִּירְט זִיךְ אוֹיסְגֶעקְוֶועטְשְׁט, זָאלְט עֶטְץ וִויסְן אַז דָאס מוּטְשֶׁען דַארְף בְּהֶכְרֵחַ אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן ווּאוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶס בְּלַייבְּט עֶפֶּעס אִיבֶּער פוּן זַיינֶע שְׁוֶועריקֵייטְן, דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס לֵייגְן אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, זֵיי מַאכְן לִיכְטִיג פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער!

דִי מְלַמְּדִים אוּן לֶערֶערִינְס פְּלַאנְצְן אֱמוּנָה אִין דִי קִינְדֶער, מֶען זִיצְט מִיט זֵיי אוּן מֶען זָאגְט זֵיי נָאכְאַמָאל: **"זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע חוּמָשׁ"**, **"מַאךְ אַ בְּרָכָה"**, **"גֶעבּ אַ קוּשׁ דִי מְזוּזָה"**, אוּן מֶען גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דִי קִינְדֶער: **"דוּ בִּיסְט אַזַא טַייעֶר קִינְד"**, אוּן מֶען זָאגְט נָאכְאַמָאל פַאר דִי קִינְדֶער: **"טַייעֶרֶע קִינְדֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא!"**

## • קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אוֹיס

בִּפְרַט דִי אִידִישֶׁע וַוייבְּלֶעךְ, דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת, וָואס גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק צוּ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, פַאר זֵיי אִיז עֶס נִישְׁט גְרִינְג, מֶען קֶען וֶוען זִיצְן אוֹיפְ'ן קָאוּטְשׁ אוּן קְלָאצְן אַ הַאלְבֶּע טָאג אוּן נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֵיין שָׁאפִּינְג (אַיינְקוֹיפְן), [דִי מֶענֶער מֵיינֶען אַז שָׁאפִּינְג אִיז אַ מְצִיאוֹת'דִיגֶע זַאךְ, בֶּאֱמֶת אִיז עֶס נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט, אֵיין מָאל אַ יָאר קוֹיפְט מֶען אַ שִׁיכְל אוּן אַ קְלֵיידְל, אַלֶע אַנְדֶערֶע מָאל גֵייט מֶען סְתָּם אַרוּם אִין גֶעשֶׁעפְטְן...] עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ קֶענֶען קוּמֶען אוּן גֵיין, אוּן דִי נָשִׁים צִדְקָנִיּוֹת דִי עֶרְלִיכֶע וַוייבְּלֶעךְ זִיצְן מִיט אִידִישֶׁע טֶעכְטֶער אוּן לֶערְנֶען מִיט זֵיי.

### וָואס גֵייט זַיין אִין צֶען יָאר אַרוּם?

מֶען דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן 'וָואס גֵייט זַיין אִין צֶען יָאר אַרוּם מִיט דֶעם קִינְד?' דָאס קִינְד גֵייט שׁוֹין הָאבְּן נָאךְ צֶען אַנְדֶערֶע מְלַמְּדִים נָאךְ מִיר, עֶר גֵייט שׁוֹין גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט מִיר, עֶר גֵייט שׁוֹין זַיין אַ אִינְגֶערְמַאן, וָואס גֵייט יָא בְּלַייבְּן פוּן דָאס יָאר? דָאס בִּיסְל זָאמֶען וָואס אִיךְ הָאבּ אַיינְגֶעפְלַאנְצְט אִין דִי קִינְדֶער, דִי יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דִי צִיצִית, פוּן קוּשְׁן אַ סִידוּר, פוּן שַׁחֲרִית, פוּן מִנְחָה, פוּן מַעֲרִיב, פוּן נִישְׁט אַרוֹיסְקוּקְן אִינְמִיטְן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, פוּן זִיךְ וַואשְׁן דִי הֶענְט, פוּן זִיךְ נִישְׁט קְרַאצְן דִי קָאפּ, פוּן זִיךְ אָפְּהִיטְן דִי אוֹיגְן; יֶעדֶע כִּתָּה לְפִי בְּחִינָתוֹ, יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער גֵייט אַרַיין אִין זֵיי.

### קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אוֹיס

בִּשְׁעַת דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין רֶעדְט, קוּקְט אוֹיס וִוי מֶען רֶעדְט אוּן מֶען רֶעדְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁטָא צוּ וֶועמֶען צוּ רֶעדְן, קֵיינֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, קִינְדֶער רִיקְן דֶעם טִישׁ אַהֶער אוּן צוּרִיק, מֶען דַארְף אָבֶּער וִויסְן אַז זֵיי הֶערְן יָא אוֹיס.

אִיךְ לֵיין יֶעדֶע נַאכְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט מַיינֶע קִינְדֶער [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט צוּגֶעלֵייגְט: עֶס זֶענֶען דָא שְׁטִיבֶּער וואוּ דִי עֶלְטֶערְן טֵיילְן זִיךְ אַיין דְזְשַׁאבְּס, 'דָאס אִיז מַיין דְזְשַׁאבּ' אוּן 'דָאס אִיז דַיין דְזְשַׁאבּ'... בָּרוּךְ ה' אַז בַּיי מִיר אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מִיר הָאבְּן אֵיין דְזְשַׁאבּ אִינְאֵיינֶעם, נָאר עֶס קוּמְט אוֹיס גְרִינְגֶער וֶוען דֶער טַאטֶע לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר לֵיין אִיךְ קְרִיאַת שְׁמַע מִיט דִי קִינְדֶער].

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ הָאבּ אַ שֵׁיינֶע דִירָה, [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ רוּף עֶס נִישְׁט 'אַ

# הֶמְשֵׁךְ שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

מִיטְוָואךְ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, שְׁנַת תשפ"ג

## • קִינְדֶער הֶערְן אַלֶעס אוֹיס

קְלֵיינֶע דִירָה', אִיךְ רוּף עֶס 'אַ שֵׁיינֶע דִירָה'. הָאט זִיךְ אֵיינֶער אָנְגֶערוּפְן צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מֶען קֶען עֶס רוּפְן 'אַ קָאזִי (הֵיימְלִיכֶע) דִירָה', דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט הֲנָאָה גֶעהַאט אוּן גֶעזָאגְט: דָאס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וָוארְט צוּ נוּצְן וֶוען מֶען וואוֹינְט אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה, מֶען קֶען זָאגְן **"ס'אִיז קָאזִי"**... אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען פָּארְט אַמָאל אַוֶועק מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף שַׁבָּת אוּן מֶען שְׁטֵייט אַיין אִין אַ קְלֵיינֶע דִירָה, שְׁלָאפְן אַלֶע קִינְדֶער אִין אֵיין גְרוֹיסֶע צִימֶער... עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק. אִיךְ וֵוייס טַאקֶע נִישְׁט וִוי אַזוֹי דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטִיבֶּער פַּאר יֶעדְן קִינְד, זֵיי הָאבְּן דֶעם 'חָלוֹם הוֹיז' וָואס מֶען זֶעט אִין דִי בִּילְדֶער... וָואס טוּעֶן זֵיי מִיט קְרִיאַת שְׁמַע, זֵיי דַארְפְן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אִין יֶעדְן שְׁטוּב בַּאזוּנְדֶער, מַיין דִירָה הָאט דִי מַעֲלֶה אַז אִיךְ קֶען לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע מִיט אַלֶע קִינְדֶער אוֹיף אֵיינְמָאל].

לְמַעֲשֶׂה, דִי עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער לֵיינֶען שׁוֹין מִיט צוּזַאמֶען מִיט מִיר, אָבֶּער מַיין קְלֵיינֶער קִינְד וָואס אִיז דְרֵיי יָאר אַלְט קוּקְט מִיךְ אָן בִּשְׁעַת אִיךְ לֵיין מִיט אִים קְרִיאַת שְׁמַע, עֶס טוּט אָבֶּער אוֹיף אַז זַיין מֹחַ הֶערְט וָואס אִיךְ זָאג, נָאךְ אַ יָאר צַייט הֵייבְּט עֶר שׁוֹין אָן מִיטְצוּזָאגְן דִי וֶוערְטֶער: **"וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם"**, וַוייל דָאס וָוארְט **"בָּם"** הָאט עֶר אוֹיפְגֶעכַאפְּט... אוּן מִיט דִי צַייט זָאגְט עֶר שׁוֹין מִיט גַאנְץ קְרִיאַת שְׁמַע. דָאס אִיז אַ לִימּוּד פַּאר מְלַמְּדִים, אַפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס וִוי אַ קִינְד הֶערְט נִישְׁט אוֹיס, הֶערְט עֶר עֶכְט יָא אוֹיס.

### כַאפְּן דֶעם מִיטְל וֶועג

אַוַודַאי דַארְף זַיין 'דֶרֶךְ אֶרֶץ' אִין כִּתָּה, עֶס דַארְף זַיין 'יִרְאַת שָׁמַיִם' אִין כִּתָּה, אָבֶּער אַסַאךְ מָאל וֶוען אַ מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס אוּן עֶר זֶעט וִוי אַ קִינְד לֵייגְט אַרָאפּ זַיין קָאפּ, אָדֶער פַּארְטִיפְט זִיךְ מִיט זַיין מֶעסֶערְל אוּן שֵׁיילְט הָאלְץ פוּן טִישׁ [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ וִויל מֶען זָאל אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער מֶען זָאל נִישְׁט שֵׁיילְן קַיין טִישְׁן, מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הִיטְן אוֹיף דִי גֶעלְט פוּן הֶקְדֵּשׁ], אָדֶער עֶר שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, מֵיינְט עֶר שׁוֹין אַז 'דֶער קִינְד הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס', אוּן עֶר הֵייבְּט אָן שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד: "נוּ! דוּ הֶערְסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר?!" בֶּאֱמֶת הֶערְט דָאס קִינְד יָא אוֹיס אַפִילוּ מִיט זַיין אַרָאפְּגֶעלֵייגְטֶע קָאפּ אוּן מִיט זַיין שְׁפִּילְצֵייג, אוּן אַסַאךְ מָאל הֶעלְפְּט דָאס אִים צוּ עֶר זָאל בֶּעסֶער קֶענֶען אוֹיסְהֶערְן דֶעם מְלַמֵּד.

יֶעצְט, מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען קֶען לָאזְן הֶפְקֵרוּת אִין כִּתָּה, מֶען קֶען יֶעצְט אַלֶעס טוּן, מֶען קְרִיכְן אוֹיפְ'ן דַאךְ, וַוייל דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאגְט אַז מֶען הֶערְט סֵיי וִוי אוֹיס; מֶען דַארְף כַאפְּן דֶעם מִיטְל וֶועג, מֶען קֶען נִישְׁט טוּן וָואס מֶען וִויל, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֵוייס אִיךְ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער הֶערְן זֵיי אוֹיס.

אַ לֶערֶערִין פוּן ווִילְיַאמְסְבּוּרְג הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן **"אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ אַ קִינְד אִין מַיין כִּתָּה וָואס הֶערְט זִיךְ נִישְׁט צוּ אוּן פָאלְגְט נִישְׁט"**, אִיךְ הָאבּ אִיר צוּרִיק גֶעשְׁרִיבְּן: **"זִי שְׁטֶערְט אַייךְ?"** עֶנְטְפֶערְט זִי: **"נֵיין, זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט, אָבֶּער אִיךְ הֵייס עֶפֶּענֶען אַ סֵפֶר אוּן זִי עֶפְנְט נִישְׁט אוֹיף"**, הָאבּ אִיךְ אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: **"אוֹיבּ זִי שְׁטֶערְט נִישְׁט מַאךְ זִיךְ נִישְׁט וואוּסֶענְדִיג פוּן דֶעם"**.

אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֶערְט, דַארְף מֶען יָא זֶען עֶס אָפְּצוּשְׁטֶעלְן. אָבֶּער עֶס אִיז אַ בַּאזוּנְדֶערֶע חָכְמָה צוּ ווִיסְן 'וָואס מֵיינְט שְׁטֶערְן', וַוייל מֶען קֶען אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ זָאגְן אַז דָאס שְׁטֶערְט דִי כִּתָּה, מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן אוּן רֶעדְן בִּיז מֶען וֶועט כַאפְּן דִי זַאךְ וִוי אַזוֹי צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין, דָאס קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען אִין אֵיין מִינוּט, אָבֶּער אִיךְ וֶועל עֶס פְּרוּבִּירְן אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אִין אֵיין וָוארְט בְּקִיצוּר: אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְף זַיין בַּאקְוֶועם אִין כִּתָּה, בַּאקְוֶועם מִיט דִי קִינְדֶער, אוֹיבּ עֶר שְׁפִּירְט אַז דָאס אִיז 'זַיין' כִּתָּה, דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט אָנְגֵיין יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס אַ קִינְד טוּט.

### דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט קַיין טַאטֶע מַאמֶע

מֶען דַארְף ווִיסְן, עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶּער וָואס אִיז נִישְׁטָא דָארְט קַיין 'שִׂמְחָה'; שִׂמְחָה אִין אַ שְׁטוּב אִיז פַאר דִי קִינְדֶער 'לוּפְט', דָאס אִיז זֵייעֶר אַקְסִידְזְשֶׁען, זֵייעֶר לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, אוֹיבּ טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ קֶענֶען דִי קִינְדֶער אָטֶעמֶען, אוּן אוֹיבּ טַאטֶע מַאמֶע זֶענֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, קֶען מֶען קוֹיפְן מַתָּנוֹת, מֶען קֶען זֵיי טְרָאגְן צוּ אוֹיסְפְלוּגְן, אָבֶּער דִי קִינְדֶער קוּמֶען אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל פַארְקְלַאפְּט אוּן פַארְקְלֶעמְט, אוּן דֶער מְלַמֵּד אוּן לֶערֶערִין מֵיינְט שׁוֹין אַז דָאס קִינְד הָאט עֶפֶּעס אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט אִים.

עֶס קֶען זַיין אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ דִיר אִין כִּתָּה אַ קִינְד וָואס דֶער קִינְד קוּמְט פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, זֵיי זֶענֶען צְוֵויי טְרִיקֶענֶע מֶענְטְשְׁן, יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע זַאכְן, דֶער טַאטֶע אִיז פַארְנוּמֶען צוּ מַאכְן גֶעלְט, אוּן דִי מַאמֶע אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אִירֶע דָאקְטוֹרִים, מִיט אִירֶע גֶעזוּנְטְהֵייט זַאכְן.

עֶס אִיז דָא שְׁטִיבֶּער וָואס עֶסְן נִישְׁט קַיין 'מִילְכִיגְס' וַוייל אוֹיבּ מֶען עֶסְט מִילְכִיגְס גֵייט דִי וֶועלְט צוּזַאמְפַאלְן... אוֹיךְ עֶסְט מֶען נִישְׁט 'וַוייסֶע בְּרוֹיט', וַוייל מֶען וַואשְׁט דָאךְ עֶס מִיט בְּלִיטְשׁ (שֶׁענְדְלִיכֶע זֵייף), אוּן אוֹיבּ מֶען עֶסְט עֶס גֵייט דִי לְבָנָה אַרָאפְּפַאלְן... אוֹיךְ עֶסְט מֶען נִישְׁט 'וַוייסֶע רַייז' [דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן פַאר אַ וֶוערְטְל: אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קוּמֶען צוּ דִיר אִינְדֶערְהֵיים אַלְס גַאסְט, זָאלְסְטוּ מִיר סְפֶּעצִיעֶל מַאכְן דִי וַוייסֶע רַייז, וָואס אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְט...] וַוייל אוֹיבּ מֶען עֶסְט דָאס גֵייט דִי הִימְל אַרָאפְּפַאלְן...

אָדֶער אִיז דֶער טַאטֶע פַארְנוּמֶען מִיט אוֹיסְהֶערְן 'שְׁפֶּעקוּלַאצְיֶעס'; הַיינְט זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט גֶעלְט, נָאר דִי קָאפּ אִיז פַארְנוּמֶען אוֹיסְצוּהֶערְן 'שְׁפֶּעקוּלַאצְיֶעס', דֶער כֹּחַ הַדִּמְיוֹן אַרְבֶּעט גָאר שְׁטַארְק, נֶעכְטְן הָאט דֶער פְּרֶעזִידֶענְט פוּן אַמֶערִיקֶע גֶעזָאגְט אִין דִי נַייעֶס **"דִי וֶועלְט זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן! קְלַיימֶעט טְשֶׁענְדְזְשׁ אוּן גְלָאוּבְּל וָוארְמִינְג** (דָאס מֵיינְט, דֶער טוּישׁ פוּן דִי וֶועטֶער) **אִיז אַ גְרֶעסֶערֶע סַכָּנָה וִוי אַן אַטָאם בָּאמְבֶּע... אוּן דִי רוֹיעֶךְ פוּן דִי קַארְס אוּן פְּלֶעסְטִיק בֶּעגְס זֶענֶען אַ סַכָּנָה פַאר דִי וֶועלְט!"** זֶעסְטוּ שׁוֹין וואוּ מֶען הַאלְט, אוּן מֶענְטְשְׁן הֶערְן דָאס אוֹיס אוּן אֵיינְמָאל מֶען גֵייט אַרַיין אִין דֶעם קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט מַאכְן קַיין חִינוּךְ הַבָּנִים, וַוייל דוּ זֶעסְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, דוּ זֶעסְט שׁוֹין נָאר בְּלוּט, אוּן בֵּיינֶער אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס...

דִי יוּנְגֶע נְשָׁמָה'לֶע קוּמְט אִין חֵדֶר אוּן זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק, עֶר וִויל נִישְׁט קַיין חֻצְפָּה, עֶר הָאט פָּשׁוּט נִישְׁט קַיין הֵיים, עֶר וַוארְט אַז דֶער מְלַמֵּד זָאל אִים זָאגְן **"אַ גוּט מָארְגְן"**, אוּן אִים נָאכְאַמָאל גֶעבְּן אַ גוּט וָוארְט, אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיסְלֶערְנֶען וִוי אַזוֹי צוּ זִיצְן, אוּן נָאכְאַמָאל אוֹיסְלֶערְנֶען אַז וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן.

הֶמְשֵׁךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## • עִנְיָנָא דְיוֹמָא - לַ"ג בָּעֹמֶר

### לַ"ג בָּעֹמֶר שְׁפִּילְן דִי קִינְדֶער מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּיר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִין לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ מִנְהָג אַז דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ בַּיי אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַ טַעַם פוּן צַדִּיקִים, עֶס שְׁטֵייט אִין זוֹהַר (תִּיקוּנִים, תִּיקוּן יח, דַּף לו:) דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "לָא תְצַפֵּי לְרַגְלֵי דִמְשִׁיחָא עַד דְּתֶחֱזֵי קַשְׁתָּא בִּגְוָונוֹי נְהִירִין", דֶער סִימָן פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ וֶועט זַיין וֶוען מֶען וֶועט זֶען אַ קֶשֶׁת בִּגְוָונוֹי נְהִירִין; לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ טָאג וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה וָואס בְּרֶענְגְט מָשִׁיחַ, דֶערְפַאר גֵייעֶן דִי קִינְדֶער אַרוֹיס אִין פֶעלְד שְׁפִּילְן מִיט אַ קֶשֶׁת, מְרַמֵּז צוּ זַיין אַז לַ"ג בָּעֹמֶר אִיז אַ צַייט פוּן בִּיאַת מָשִׁיחַ.

זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר, גֵיין מִיט זֵיי אִין פֶעלְד; מֶען זָאל שִׁיסְן מִיטְ'ן בּוֹיגְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען.

לֵייג אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם, רֶעד צוּ זֵיי פוּן שָׂכָר וְעֹנֶשׁ. אוֹיבּ מֶען טוּט מִצְוֹת בַּאקוּמְט מֶען גַּן עֵדֶן, קִינְדֶער דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין גֶעבְּן גַּן עֵדֶן לוֹיט זֵייעֶר פַארְשְׁטַאנְד; אוּן אוֹיבּ מֶען טוּט אַן עֲבֵירָה אִיז דָא עוֹנְשִׁים, אוּן אַז מֶען טוּט תְּשׁוּבָה נֶעמְט מֶען אַוֶועק דִי עוֹנְשִׁים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּחֻקּוֹתַי תשפ"ב)

### גֵיי מִיט דִי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, י"א אִיָּיר, כ"ו לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ פָאר אִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס

הִילְף קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאף צוּ זַיין לַ"ג בָּעֹמֶר אִין מִירוֹן.

אִיךְ וִויל דִּיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט נֶעמֶען דִּי קִינְדֶער אִין פֶעלְד מִיט דִּי פַייל אוּן בּוֹיגְן, עֶס אִיז אַ מִנְהָג יִשְׂרָאֵל אַז קִינְדֶער שְׁפִּילְן לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט פַייל אוּן בּוֹיגְן.

עֶס אִיז דָא כַּמָּה טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אַ שֵׁיינֶע רֶמֶז אוֹיף דֶעם. דִּי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית ט, א; תּוֹסְפוֹת עֲבוֹדָה זָרָה טז ע"ב, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל דִּימוּס) וֶוען רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין בַּאהֶעלְטֶענִישׁ הָאט עֶר גֶעזֶען אֵיינֶער פַאנְגְט פֵייגְלֶעךְ, עֶס קוּמְט אַ פֵייגְל, עֶס וֶוערְט כִּמְעַט גֶעפַאנְגֶען אוּן פְּלוּצְלוּנְג פְלִיט דִּי פֵייגְל אַוֶועק, נָאכְדֶעם קוּמְט אַ פֵייגְל אוּן עֶר הֶערְט אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל: "סְפִּיקוּלָא"גֶעכַאפְּט! אוּן דִּי פֵייגְל וֶוערְט גֶעפַאנְגֶען, זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי פַאר זַיין זוּן רֶבִּי אֶלְעָזָר: "קוּק, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶע פֵייגֶעלֶע קֶען מֶען נִישְׁט פַאנְגֶען נָאר נָאכְדֶעם וָואס מֶען זָאגְט אִין הִימְל מֶען זָאל אִיר פַאנְגֶען"; דֶערִיבֶּער שִׁיסְט מֶען לַ"ג בָּעֹמֶר מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן, צוּ וַוייזְן וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי לֶערְנְט אוּנְז, קַיין שוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס, קַיין שוּם זַאךְ אִיז אַ פֶּערְצוּפַאל, יֶעדֶע זַאךְ אִיז בְּהַשְׁגָּחָה נִפְלָאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי מִיט דִּי קִינְדֶער לַ"ג בָּעֹמֶר אִין פֶעלְד, שְׁפִּיל מִיט זֵיי, טַאנְץ מִיט זֵיי, פְרֵיי זִיךְ מִיט זֵיי, אוֹיךְ זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינְאֵיינֶעם. לֶערְן זֵיי אוֹיס וָואס רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי הָאט גֶעלֶערְנְט אִין פֶעלְד מִיט דִּי הֵיילִיגֶע חַבְרַיָּא: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט לִיבּ אִידִישֶׁע קִינְדֶער".

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּחֻקּוֹתַי תשפ"ב)

## וֶועלְכֶע קָאלִיר קַאפְּל אִיז פַּאסִיג אָנְצוּטוּן אִינֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן?

**שְׁאֵלָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ גֵיי בְּקָרוֹב מַאכְן חַאלַאקֶע פַאר מַיין אִינְגְל, מַיין וַוייבּ הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט קוֹיפְן פַאר אִים אַ קַאפְּל וָואס פַּאסְט צוּ דִי אַנְצוּג וָואס עֶר גֵייט אָנְטוּן אִינֶעם טָאג פוּן דֶעם אָפְּשֶׁערְן.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אַזוֹי בַּאקַאנְט וָואס אִיז יָא רִיכְטִיג אָנְצוּטוּן פַאר קִינְדֶער אוּן וָואס נִישְׁט, אִין דִּי מִשְׁפָּחָה אִיז אַיינְגֶעפִירְט צוּ גֵיין נָאר מִיט שְׁוַוארְצֶע קַאפְּלֶעךְ, אָדֶער הֶעכְסְטְנְס אִין טוּנְקְל בְּלוֹי, אָבֶּער זִי הָאט יָא דַוְקָא גֶעוָואלְט אָנְטוּן אַזַא סָארְט קַאפְּל וָואס אִיז צוּגֶעפַּאסְט צוּם אַנְצוּג, עֶס זָאל אוֹיסְזֶען שֵׁיין.

לְמַעֲשֶׂה הָאט זִי גֶערֶעדְט מִיט דִּי מִשְׁפָּחָה אוּן אַרוּמִיגֶע אוּן מֶען הָאט אִיר זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַ קַאפְּל פוּן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ גֵיין מִיט דֶעם. מִיר הָאבְּן טַאקֶע גֶעפְּלַאנְט עֶס אָנְצוּטוּן פַאר אִים נָאר אִין טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער אִין חֵדֶר זָאל עֶר יָא גֵיין מִיט אַ שְׁוַוארְצֶע קַאפְּל וִוי יֶעדְן, מִיר ווִילְן נִישְׁט עֶר זָאל זַיין אָנְגֶעטוּן מָאדֶערְן.

מִיר קֶענֶען נִישְׁט בַּאשְׁלִיסְן וָואס צוּ טוּן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וועלְכֶע קָאלִירְן זֶענֶען יָא אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אוּן וֶועלְכֶע נִישְׁט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אַז עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין חֲסִידִישֶׁע זַאךְ, אָבֶּער מִיר ווִילְן וויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אָנְצוּטוּן פַארְ'ן קִינְד דֶעם צוּגֶעפַּאסְטְן קָאלִיר קַאפְּל נָאר אִינֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן.

עֶס אִיז אֶפְשָׁר נַארִישׁ צוּ פְרֶעגְן אַזַא שְׁאֵלָה, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וֶועמֶען צוּ פְרֶעגְן, אוּן אִיךְ הָאף דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר מוֹחֵל זַיין פַארְ'ן פְרֶעגְן אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ג' אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאךְ נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דִּי זַאכְן, וִוי אַזוֹי דוּ וֶועסְט מַאכְן וֶועט זַיין גוּט; מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל - עִיקָר אוּן פוּן עִיקָר -טָפֵל.

וֶוען מֶען שֶׁערְט אָפּ אַ קִינְד, מֶען פִירְט אִים אִין חֵדֶר זָאגְן דִּי הֵיילִיגֶע א' ב' אוּן מֶען טוּט אִים אָן אַ קַאפְּל מִיט צִיצִית - דַארְף מֶען טוּן צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ פִירְן דָאס קִינְד אִין חֵדֶר, זָאג טוֹיזְנְט מָאל: "אִיךְ דַאנְק דִּיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר הַאלְטְן דָא".

צְוֵייטְנְס, דַארְפְן דִּי עֶלְטֶערְן גֶעבְּן צְדָקָה אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד. וַוייל עֶס כַאפְּט אַ פַּחַד אוּן אַ שְׁרֶעק, דִּי אַלֶע טֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל וָואס וַואלְגֶערְן זִיךְ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים - דִּי אַלֶע הָאבְּן גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע חַאלַאקֶע, מֶען הָאט זֵיי גֶעפִירְט אִין חֵדֶר מִיט אַ שֵׁיינֶע קַאפֶּעלֶע, מִיט שֵׁיינֶע זִיסֶע פֶּעקֶעלֶעךְ; מֶען דַארְף אַזוֹיפִיל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "וְנִהְיֶ' אֲנַחְנוּ וְצֶאֱצָאֵינוּ וְצֶאֱצָאֵי צֶאֱצָאֵינוּ, כֻּלָּנוּ יוֹדְעֵי שְׁמֶךָ, אַלֶע זָאלְן מִיר זַיין דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִּי תּוֹרָה".

אַזַא קַאפְּל אָדֶער אַזַא קַאפְּל, אַזַא פֶּעקְל אָדֶער אַזַא פֶּעקְל - דָאס אַלֶעס אִיז נִישְׁט מְשַׁנֶּה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טוּן דִּי צְוֵויי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע זַאכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמֹר תשפ"ב)

## מִנְהָגִים בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת וַיִּקְרָא, י' אֲדָר ב', שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶס זֶענֶען דָא פַארְשִׁידֶענֶע מִנְהָגִים וָואס מֶען פִירְט זִיךְ צוּ טוּן בַּיים אָפְּשֶׁערְן, בַּיים מַאכְן פֵּיאוֹת, דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן פַאר דִּי קִינְדֶער פֵּיאוֹת, אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ אָפְּהִיטְן דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן בִּכְלַל אוּן בִּפְרַט אִין דִּי טָאג וָואס מֶען מַאכְט אִים פֵּיאוֹת.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; עֶס זֶענֶען דָא וָואס פִירְן זִיךְ צוּ זָאגְן דֶעם פָּסוּק וָואס יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא הָאט גֶעזָאגְט (יְשַׁעְיָה נ, ד-ה): "ה' אֱלֹקִים נָתַן לִי לְשׁוֹן לִמּוּדִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ קְלָארֶע שְׁפְּרַאךְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "לָדַעַת לָעוּת אֶת יָעֵף דָּבָר", צוּ ווִיסְן דִּי פַּאסִיגֶע צַייט וֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט דִּי דוּרְשְׁטִיגֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "יָעִיר בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועקְט מִיךְ אוֹיף יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי צוּ גֵיין נְבוּאָה זָאגְן, "יָעִיר לִי אֹזֶן", עֶר וֶועקְט אוֹיף מַיין אוֹיעֶר, "לִשְׁמֹעַ כַּלִּמּוּדִים", צוּ הֶערְן דִּי נְבוּאָה. "ה' אֱלֹקִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "פָּתַח לִי אֹזֶן", הָאט מִיר גֶעעֶפְנְט דִּי אוֹיעֶר צוּ הֶערְן זַיינֶע רֵייד, "וְאָנֹכִי לֹא מָרִיתִי", אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט ווִידֶערְגֶעשְׁפֶּעניִגְט, "אָחוֹר לֹא נְסוּגֹתִי", אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אָפְּגֶעקֶערְט פוּן צוּ גֵיין אִין זַיין וֶועג (מִגְדַּל עוֹז לְהַיַּעְבֵּ"ץ).

אוֹיךְ זֶענֶען דָא וָואס שְׁרַייבְּן דִּי פְּסוּקִים אוֹיף אַ קִיכְל אוּן מֶען גֶעבְּט דָאס דֶעם קִינְד צוּ עֶסְן (סֵפֶר מִשְׁפָּט צֶדֶק).

אַלֶע מִנְהָגִים זֶענֶען שֵׁיין אוּן טֵייעֶר, דֶער עִיקָר אִיז דִּי שִׂמְחָה; מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת שְׁמִינִי תשפ"ד)

## מִנְהָגִים אִין טָאג וָואס דָאס קִינְד בַּאקוּמְט פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין זוּן אִינֶעם טָאג וֶוען עֶר בַּאקוּמְט פֵּיאוֹת אַז עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גוֹיִם, דֶעם טָאג פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן זָאל נִישְׁט זַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין גוֹי'טֶע, אוּן וֶוען דוּ טְרָאגְסְט דַיין קִינְד אִין חֵדֶר זָאלְסְטוּ אִים אַייְנְווִיקְלֶען אִין אַ טַלִּית.

בְּנוֹגֵעַ נִישְׁט רוּפְן פְרוֹיעֶן צוּם אָפְּשֶׁערְן; עֶס זֶענֶען

דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אַז עֶס זָאלְן נִישְׁט זַיין קַיין פְרוֹיעֶן בַּיים אָפְּשֶׁערְן, אוֹיךְ אִיז דָא וָואס זֶענֶען נָאךְ מֶער מַקְפִּיד אַז דִי מַאמֶע פוּנֶעם קִינְד אִין גֶעוִויסֶע זְמַנִים זָאל נִישְׁט זַיין בַּיים אָפְּשֶׁערְן; בַּיי אוּנְז גֶעבְּט מֶען אַכְטוּנְג אַז דֶער קִינְד זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף גוֹיִם.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אָפְּשֶׁערְן דָאס קִינְד בַּיי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; וָואס דַארְפְסְטוּ מַאכְן מַחֲלֹקֶת? גֵיי מִיט דַיין קִינְד צוּ ... רֶבִּי, אַזוֹי וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מַחֲלֹקֶת אוֹיף דִיר, דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ׳ס עֶלְטֶערְן וֶועלְן זַיין פְרֵיילִיךְ; דַארְפְסְט נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה.

בְּנוֹגֵעַ גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִיקִים אִין דִי חֲדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט וְכוּ׳; פְרוֹיעֶן גֵייעֶן נִישְׁט אוֹיף קַיין בֵּית הַחַיִים, אָבֶּער אַז מֶען וִויל פָארְן צוּ קִבְרֵי צַדִיקִים אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם, יֶעדֶע צַייט קֶען מֶען גֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח תשפ"א)

## וָואס זֶענֶען דִי מִנְהָגִים בַּיים חֵדֶר-פִירְן אִין טָאג פוּן חַאלַאקֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין זוּן וֶוערְט יֶעצְט דְרֵיי יָאר, מִיר גֵייעֶן אִים אָפְּשֶׁערְן אוּן פִירְן אִין חֵדֶר ווִי דֶער מִנְהָג אִיז. אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן עֶטְלִיכֶע שְׁאֵלוֹת אִיבֶּער דֶעם.

דֶער מִנְהָג אַז מֶען ווִיקְלְט אַיין דָאס קִינְד אִין אַ טַלִית, אִיז נָאר אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם חֵדֶר, אָדֶער אוֹיךְ אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים?

בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן טָאג טָאר מֶען אִים נִישְׁט אַרוֹיסְלָאזְן פוּן הוֹיז, אַז עֶר זָאל נִישְׁט זֶען וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט אִין דֶעם הֵיילִיגְן טָאג?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, ה׳ אִיָיר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען פִירְט זִיךְ אַז מֶען ווִיקְלְט אֵיין אִין אַ טַלִית אוֹיפְ׳ן וֶועג צוּם חֵדֶר אוּן אוֹיפְ׳ן וֶועג אַהֵיים פוּן חֵדֶר, אִים הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן.

אוֹיךְ בְּרֶענְגְט מֶען נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ אַ גוֹי׳טֶע אִינֶעם טָאג וָואס מֶען מַאכְט אִים פֵּיאוֹת, מֶען הִיט דֶעם קִינְד עֶר זָאל נִישְׁט זֶען נִישְׁט אִידְן.

הָעִקָר פַארְגֶעס נִישְׁט וָואס אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן, מַאךְ נִישְׁט פוּן טָפֵל - עִיקָר, דָאס אִיז אַלֶעס שֵׁיינֶע מִנְהָגִים, אָבֶּער דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוּן דַיין וַוייבּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טָאג אוּן נַאכְט זָאלְן דַיינֶע לִיפְּן זָאגְן: "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְזֶער לֶעבְּן אוּן פַארְ׳ן זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן פֵּיאוֹת פַאר אוּנְזֶער קִינְד", אוּן בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת אֱמֹר תשפ"ב)

## מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע טְרַאסְק פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, ג׳ מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע טְרַאסְק פוּנֶעם אָפְּשֶׁערְן, גֵייט נִישְׁט נָאךְ דִי נֵייעֶ מִנְהָגִים וָואס עֲשִׁירִים הָאבְּן אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט; רוּפְט נִישְׁט קֵיינֶעם, נָאר דִי זֵיידֶע׳ס אוּן עֶלְטֶער זֵיידֶע׳ס פוּנֶעם קִינְד, זֵיי זָאלְן קוּמֶען בֶּענְטְשְׁן דֶעם קִינְד; אוֹיךְ דִי בַּאבֶּע׳ס אוּן עֶלְטֶער בַּאבֶּע׳ס, אָבֶּער דִי מִשְׁפָּחָה אַרוּם אוּן אַרוּם פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ רוּפְן, אַז אִיר וֶועט אַזוֹי טוּן וֶועלְן אַלֶע אַייךְ נָאךְ טוּן.

נֶעמְט אַייעֶר קִינְד אִין חֵדֶר, דֶער מְלַמֵד זָאל מִיט אִים זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע א-ב; גֶעבְּט אַכְטוּנְג זַיינֶע אוֹיגְן זָאלְן זַיין פַארְמַאכְט, מֶען פִירְט זִיךְ אִיבֶּערְצוּדֶעקְן דָאס קִינְד מִיט אַ טַלִית עֶר זָאל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, עֶר זָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין דְבָרִים טְמֵאִים. דֶער מְלַמֵד וֶועט מִיט אִים זָאגְן דִי א-ב אוּן פְּסוּקִים אוּן קַבָּלַת עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי חֲסָדִים אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מַאכְן פֵּיאוֹת פַאר דִי קִינְדֶער אוּן בֶּעטְן וַוייטֶער פַאר זֵיי אוּן זֵייעֶרֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ תשפ"א)

## אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת כִּי תִשָּׂא, י"ד אֲדָר א׳, פּוּרִים קָטָן, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, טָאהשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין פְרַאגֶע.

דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת יִרְאָה, סִימָן יג): "הַכִּסּוּי שֶׁל הָרֹאשׁ מֵבִיא לִידֵי יִרְאָה", אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם; דִי מְקוֹר אוֹיף דֶעם אִיז פוּן דִי מַעֲשֶׂה וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (שַׁבָּת קנו:) דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי נַחְמָן בַּר יִצְחָק, וֶוען דִי שְׁטֶערְן זֶעעֶר הָאבְּן אִיר גֶעזָאגְט דַיין זוּן גֵייט זַיין אַ גַנָב: "לֹא שְׁבַקְתֵּיהּ גִּלּוּיֵי רֵישֵׁיהּ", הָאט זִי אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ, זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: "כַּסֵּי רֵישָׁיךְ", דֶעק צוּ דַיין קָאפּ, וֶועסְטוּ הָאבְּן "אֵימְתָא דִּשְׁמַיָּא" - יִרְאַת שָׁמַיִם. נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן ב): "צָרִיךְ לִשְׁמֹר אֶת הַתִּינוֹק", מֶען דַארְף אָפְּהִיטְן דֶעם קִינְד, "שֶׁלֹּא יֵלֵךְ בְּגִלּוּי הָרֹאשׁ", עֶר זָאל נִישְׁט גֵיין מִיט אַן אוֹיפְגֶעדֶעקְטְן קָאפּ.

דֶערְפַאר זֶענֶען דָא וָואס זֶענֶען מַקְפִּיד אָנְצוּטוּן אַ קַאפְּל פַארְ׳ן קִינְד פוּנֶעם גֶעבּוּרְט, אָבֶּער רוֹב וֶועלְט טוּט אָן בַּיי דִי דְרֵיי יָאר, פוּן וֶוען מֶען שֶׁערְט אָפּ דֶעם קִינְד אוּן מֶען מַאכְט אִים פֵּיאוֹת; דֶעמָאלְט, וֶוען מֶען נֶעמְט אִים אִין חֵדֶר זָאגְן דִי א"ב טוּט מֶען אִים אָן דִי קַאפְּל מִיט צִיצִית.

עֶס אִיז בַּאוִויסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וֶוען עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן הָאט אִים זַיין מַאמֶע, דִי צַדֶקֶת פֵיגָא - גְלַייךְ אָנְגֶעטוּן אַ קַאפְּל.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער. גוּטֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט אַזוֹי ווִי עֶפֶּעלֶעךְ וָואס מֶען נֶעמְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים, גוּטֶע קִינְדֶער בַּאקוּמְט מֶען דוּרְךְ אַסַאךְ תְּפִלּוֹת.

...

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

צוּ באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876